**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 2/19/2025 **גאווערנער קעטי האקול**

**גאווערנער HOCHUL מעלדט 33.6 מיליאן דאלאר פראיעקט איבערצובויען בריקן לענגאויס U.S. ראוט 11 איז יעצט איינגעפירט**

***בריק איבערבויאונג איז פלאנירט פאר ראוט 11 איבער אנעידא טייך אין אנאנדאגא און אסוועגא קאונטיס***

***פראיעקט וועט פארלענגערן די דויערהאפטיגקייט און רעדוצירן פארוואלטונג קאסטן פאר ברוערטאן בריק***

***פארבעסערנדיג טראנספארטאציע איבערלעבעניש פאר רייזנדער וואס פארבינדט די טאון אוו סיסערא און די טאון אוו האסטינגס***

***בריק סטרוקטור איז ניו יארק סטעיט'ס ערשטע גוסעטלעס טרוס בריק און די צווייטע גוסעטלעס טרוס בריק אינעם לאנד***

גאווארנער Kathy Hochul (קעטי האקול) האט היינט געמאלדן אז ארבעט וועט זיך אנפאנגען אין די נאנטע צוקונפט אויף די 33.6 מיליאן דאלאר פראיעקט צו ערזעצן די פארעלטערטע בריק וואס פירט U.S. ראוט 11 איבער די אנעידא טייך ינעם טאון פון סיסערא, אנאנדאגא קאונטי און די טאון אוו האסטינגס אין אסוועגא קאונטי. די בריק סערווירט אלס א באדייטנדע צפון-דרום פארבינדונג דורך די האמלעט אוו ברוערטאן, מיט א געשאצטע 13,000 דרייווער וואס פארן עס טעגליך דורך. די ארומיגע געגנט - רייך אין היסטאריע און פארוויילונג - איז גוט באקאנט אלס א פאפולערע פלאץ צו שיפלען, כאפן פיש און אנדערע וואסער באזירטע אקטיוויטעטן, און סערווירט אלס אן ענערגישע צענטער פאר רעסטאוראנטן און קליינע ביזנעסער. צוליב איר נאנטקייט צו אינטערסטעיט 81, שטעלט ראוט 11 צו לייכטע צוטריט צו די סיטי אוו סירעקיוז און די ארומיגע צענטראל און צפון ניו יארק קאמיוניטיס פאר איינוואוינער און באזוכער צוגלייך.

"ניו יארק סטעיט האט געוויזן איר שטארקע איבערגעגעבנקייט צו אינוועסטירן אין קאמיוניטיס דורך די ווידעראויפלעבונג פון זייער אינפראסטרוקטור," **האט גאווארנער Hochul (האקול) געזאגט.** "די ראוט 11 בריק איבער די אנעידא טייך אין ברוערטאן איז א הויפט פארבינדונג וואס מיר מוזן אנהאלטן, און די סטעיט-פינאנצירטע אונטערנעמונג וועט פארזיכערן אז עס בלייבט פארזיכערט און געטרויבאר יעצט און אינעם צוקונפט."

געבויט צום ערשט אין די פריע 20סטע יאר הונדערט, האט די ראוט 11 בריק געהאלפן פארלייכטערן האנדל און רייזעס לענגאויס די אנעידא טייך. עס איז דורכגעגאנגען באדייטנדע ווידעראויפלעבונג ארבעט איבער די יארן: די לעצטע מאל אין 1986. עטליכע אנדערע קלענערע פראיעקטן איבער די לעצטע צוויי חדשים האבן אדרעסירט קלענערע פאררירכטונגען פונעם בריק.

עס איז ערווארטעט אז ביז הערבסט פון 2026, וועט די נייע בריק זיין פארענדיגט, און טראפיק וועט גערוקט ווערן פונעם צייטווייליגן בריק צום נייעם בריק. די פולע בויארבעט אויפן פראיעקט איז ערווארטעט פארענדיגט צו ווערן אין אנפאנג פון 2027.

**ניו יארק סטעיט אפטיילונג פון טראנספארטאציע קאמישאנער Marie Therese Dominguez (מערי טעריס דאמינגעז) האט געזאגט,** "צענטראל ניו יארק גייט דורך א שטארקע טראנספארמאציע, און עס איז וויכטיג אז אונזער טראנספארטאציע אינפראסטורקטור זאל זיין גרייט צו האנדלען די פרעצעדענטלאזע וואוקס. די אינאוואטיווע בריק אויסשטעל ווייזט גאווארנער Kathy Hochul'ס (קעטי האקול'ס) פארפליכטיגונג צו שאפן א זיכערע און שטאנדהאפטיגע טראנספארטאציע נעטווארק, און די פיל-מאדאל מעגליכקייטן פונעם סטרוקטור וועלן פארזיכערן אז יעדער האט א זיכערע וועג צו דערגרייכן פארוויילונגס אטראקציעס לענגאויס די אנעידא טייך, וועלכע העלפט צו שטיצן די לאקאלע עקאנאמיע און צושטעלן נייע געלעגנהייטן פאר ראיאנישע וואוקס."

**סטעיט סענאטאר Christopher Ryan (קריסטאפער רייען) האט געזאגט,** "די אינוועסטירונג אין ד ראוט 11 בריק איז א באווייז צו אונזער איבערגעגעבנקייט צו פארשטערקערן צענטראל ניו יארק'ס אינפראסטרוקטור און פארזיכערן זיכערע, פארלעסליכע פארבינדונגען פאר איינוואוינער, ביזנעסער און באזוכער. דורך מאדערניזירן די קריטישע דורכגאנג, פארבעסערן מיר נישט נאר עפעקטיווקייט נאר שטיצן אויך עקאנאמישע וואוקס און פארבעסערן צוטריט צו די פארוויילונגס און קאמערשל געלעגנהייטן וואס מאכן דעם ראיאן אזוי אויפגעלעבט. איך דאנק גאווערנאר Hochul (האקול) און NYSDOT פאר זייער אנגייענדע איבערגעגעבנקייט צו די טראנספארמאציע פון צענטראל ניו יארק אינפראסטרוקטור."

**אסעמבלימעמבער Will Barclay (וויל בארקלעי) האט געזאגט,** "איך בין צופרידן צו זען אינוועסטירונגען געמאכט ווערן צו פארשטערקערן צענטראל ניו יארק'ס טראנספארטאציע אינפראסטרוקטור. איבערמאכן די ראוט 11 בריק איז קריטיש צו פארזיכערן אז עס איז פארלעסליך און זיכער פאר די 13,000 דרייווער וואס פארלאזן זיך טעגליך דערויף. די פראיעקט וועט אויך פארבעסערן דעם ראיאן'ס מעגליכקייט צו שטיצן די פילע איינוואוינער און באזוכער וואס קומען צו דעם געגענט פאר אירע שיפלען, כאפן פיש און פארוויילונגס געלעגנהייטן. די אינוועסטירונג וועט סערווירן די קאמיוניטי פאר קומענדיגע יארן, שטיצנדיג סיי זיכערהייט און עקאנאמישע וואוקס."

**אסעמבלימעמבער Al Stirpe (אל סטירפ) האט געזאגט,** "גאווארנער Hochul'ס (האקול'ס) מעלדונג היינט אז די ראוט 11 בריק אין ברוערטאן וועט ווערן איבערגעמאכט ווייזט קלאר איר איבערגעגעבנקייט צו אינוועסטירן און פארבעסערן אפסטעיט אינפראסטרוקטור און קאמיוניטיס. איבערמאכן די ראוט 11 בריק, וועלכע נעמט ארוםביידע זייטן פונעם אנעידא טייך אינעם הארץ פון ברוערטאן, וועט פארבעסערן זיכערהייט פאר דרייווער, ביציקלער און מענטשן. ברוערטאן'ס לעצטיגע סוקסעספולע NY Forward גרענט און די היינטיגע מעלדונג אנערקענט די וויכטיגקייט פון אונזערע היסטארישע קאמיוניטיס און אנערקענען די פאטענציאל און צוקונפט פון אונזערע דאונטאונס."

**פארגעשאצטע רעזולטאטן פונעם בריק איבערבויאונג פראיעקט**

די צונעמען פונעם עקזיסטירנדע בריק איז ערווארטעט אנצופאנגען דעם הערבסט, נאך וואס טראפיק ווערט אריבערגעפירט צו א צייטווייליגע בריק וואס וועט אקאמאדירן טווישנדע איין-וועג טראפיק. מאדערניזירטע טראפיק סיגנאלן וועלן ווערן איינגעשטעלט ביי די נארטבאונד און סאוטבאונד דערנענטערונגען פונעם צייטווייליגע בריק, מיט וויהיקל-אויפכאפונג סענסארס צוצופאסן דרייווערס' ווארט-צייט באזירט אויף טראפיק פלוס, וואס וועט באדייטנד רעדוצירן רייזע ווירקונגען צום פאבליק. עמערדשענסי וויהיקלס וועלן נוצן א סיסטעם צו פון פריער אפליידיגן די צייטווייליגע בריק פון אלע טראפיק, ערלויבנדיג עמערדשענסי וויהיקלס צו פארזיכערט אריבערגיין דעם בריק, ווי נויטיג, און אן קיין אפהאלט.

איינמאל טרעפיק ווערט אריבערגעפירט צום צייטווייליגע איין-ליניע בריק, וועט זיך אנפאנגען די בויארבעט אויפן ערשטע גוסעטלעס טרוס בריק אין ניו יארק, מיט די נייע סטרוקטור וואס וועט געבויט ווערן אין די זעלבע וועג און אפדרוק ווי די עקזיסטירנדע בריק. די גוסעטלעס טרוס בריק איז באטראכט צו זיין מער מאדערן און עפעקטיוו. די יעצטיגע אויסשטעל מאכט די בריק'ס אייזערנע פלאטעס, וואס זענען פלאצירט אונטערן ראוד, מער מעגליך צו קענען אפלויפן זאלץ וואסער און שמוץ דורכאויס די שווערע ווינטער חדשים, אין די צייט וואס די פארבינדונגען וואס זענען נויטיג פארן נייעם אויסשטעל זענען פלאצירט אויפן ראוד, מאכנדיג די בריק לייכטער צוצוקומען פאר אונטערזוכונג און פארוואלטונג שטאב, וועלכע העלפט צו פארמיידן די "אויסנוצן", פארבעסערט דויערהאפטיגקייט און שפארן געלטער.

די מאדענע בריק איז אויסגעשטעלט פאר א 75-יאר סערוויס לעבן, אבער די גוסעטלעס דעטאלן, אינאיינעם מיט א מעטאליזירטע איבערדעק באשיצונג, און רעגלמעסיגע זארג, וועט ווארשיינליך פארלענגערן איר לעבן פיל מער ווי דעם. קאנסטראקשן וועט אויך אריינגעמען נייע צעמענט בריק פירס, אביוטמענטס און א צעמענטענע דעק וואס וועט ווערן געשטיצט דירעקט דורך ערד שטאנגען, רעדוצירנדיג די קאסטן פון אונטערזוכונגען, אויפהאלטן און צוקונפטיגע ערזעצונגען.

סטאנדארט אכט-פיס שאולדדערס וועלן ווערן אינסטאלירט צושטעלנדיג פלאץ פאר עמערדשענסי וויהיקלס דיסעיבלד וויהיקלס, און שניי און אייז געצייג. עקזיסטירנדע אפלויף סטרוקטורן און פייפס וועלן אויך ערזעצט ווערן צו פארמיידן איבעריגע אפלויף, און יוטיליטיס וועלן איבערגעלייגט ווערן דורך די גירדערס פון די נייע סטרוקטור, עלימינירנדיג די געברויך פאר באלד א דאזען יוטיליטי שטאנגען, וועלכע וועלן העלפן פארמיידן אומנויטיגע שאדן, און שאפן א מער גלייכע אויסזען.

די צוגאב פון פינף-פיס סיידווארלקס אויף יעדע זייט פונעם בריק לייגט צו מעגליכקייטן פאר פיל-מאדאל טראנספארטאציע און פארבעסערט די געזונט און זיכערהייט פון פיסגייער און ביצילעך, ווי אויך וועלן דעקאראטיווע גאסלעמפ אינסטאלירט ווערן אויף די צוגענג צום בריקף און אין די טרוס געהאנגען פונעם צענטער פונעם ראוד, וועלכע וועט העלפן פארמערן זעבארקייט.

**איבער די טראנספארטאציע דעפארטמענט**
עס איז די מיסיע פון די ניו יארק סטעיט טראנספארטאציע דעפארטמענט צו צושטעלן א זיכערע, פארלעסליכע, גערעכטע און שטאנדהאפטיגע טראנספארטאציע סיסטעם וואס פארבינדט קאמיוניטיס, באַרייכערט די קוואליטעט פון לעבן, היט אויף די סביבה און שטיצט די עקאנאמישע וואוילזיין פון ניו יארק סטעיט.

די רעדע איז איבער לעבנס, פארט שטייטער און ריקט זיך אפ ביי די זייט פאר הייוועי ארבעטער! פאר מער אינפארמאציע טרעפט אונז אויף Facebook,פאלגט אונז נאך אויף X, פריער באקאנט אלס Twitter, אדער באזוכט אונזער Instagram. פאר די לעצטע רייזע אינפארמאציע, רופט 511, באזוכט www.511NY.org אדער דאונלאודט די אומזיסטע 511NY טעלעפאן עפ.

###


נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418
שרייבט זיך איין צו באקומען די לעצטע נייעס פון די גאווערנער'ס אפיס: ny.gov/signup | טעקסט די ווערטער NEW YORK צו 81336

זיך ארויסשרייבן